# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

ערב שבת קודש פ' וארא תשע"ד

**די באריכטן ווערן אַראָפּגענומען פון די וועכענטליכע אַפּדעטיס וואָס ווערן געהערט אויפ'ן "קול נטרונא" טעלעפאָן ליניע, און איז דעריבער, שטייגערליך, רעדאַקטירט ספּעציעל עס זאָל דינען דעם מינדליכן באַנוץ. די פאָלגענדע נייעס איז אַ בלויזער ציטאַט דערפון וואָס מיר שיקן צוליב דעם גרויסן פאַרלאַנג, ככתבו וכלשונו.**

# פינסטערע גזירת הגיוס

## באומרואיגט ערליכע אידן איבער די גארער וועלט

דער געפארפולער צושטאנד און טיפער זארג פון דאס יהדות החרדית אין ארץ ישראל ווערט בלויז מער און ברייטער פארוויקלט ווען די משנאי ה' ריכטן זיך אויף אלע פראנטן צו אויספירן זייערע בייזוויליגע פלענער און ארייצנצווינגן די נערי בני ישראל אין דעם צבא הטמאה, דער מיליטער וואס יעדע טריט אירע איז ביהרג ואל יעבור און איז מיט איר עצם מציאות א מרידה אין די הנהגת הקב"ה און אין דעם גזירת הגלות.

אן אפמאך איז אויסגעהאמערט געווארן צווישן די צוויי פראקציעס "הבית היהודי" און "יש עתיד" אין באצוג צו די סאנקציעס וואס וועלן ארויפגעלייגט ווערן חלילה אויף די בני הישיבות, אין פאל זיי וועלן זיך נישט צושטעלן צו דעם נייעם גיוס געזעץ וועלכע ליגט אויפן טיש אין די יעצטיגע תקופה.

ווי שוין באריכטעט פארגאנגענע וואך דא אויף קול נטרונא איז פארגעקומען א מיינונגס דיפרענצן צווישן די פארטייען אין די קאאליציע, איבער דעם צוגאנג וואס מען זאל נעמען צו צווינגן די חרדים אין מיליטער אריין נאכדעם וואס דער גיוס געזעץ גייט דורך אין כנסת המינים.

די מזרח'יסטישע פארטיי הבית היהודי, האט געהאט די שטיצע פון די פארזיצערן פון די שקד קאמיסיע, חברת כנסת איילת שקד, אז עס זאל ארויפגעלייגט ווערן בלויז פינאנציעלע סאנקציעס אויף די בחורי הישיבות, און נישט ווי די יש עתיד פאליטיקאנטן האבן געוואלט אז עס זאל אויך באשטעטיגט ווערן קרימענאלע סאנקציעס, וואס באדייט תפיסות און שווערע שטראפן.

למעשה צייגן אן באריכטן אז די מילדערע שונאי הדת אין הבית היהודי האבן זיך געבראכן פאר די שטייפערע עוקרי התורה פון 'יש עתיד'. לויט דעם יעצטיגן אפמאך וואס ווערט באארבעט פוןביידע זייטן וועט ארייגעלייגט ווערן אין דעם נייעם געזעץ אויך א פרישער דעטאל וואס וועט ארויפלייגן קרימענאלע סאנקציעס אויף יעדן חרדי'שן איד וואס דרייט זיך ארויס פונעם געזעץ.

ווי עס הייסט יעצט וועט דער נייער הסכם ארויפגעברענגט ווערן פאר אן אפשטימונג אין די "וועדת שקד" אומגעפער צוויי וואכן ארום, ווען די שקד קאמיסיע וועט עס באשטעטיגן וועט עס דאן גיין ווייטער צום כנסת המינים וואו עס וועט אפגעהאלטן ווערן די ענדגילטיגע אפשטימונג און דער געזעץ וועט חלילה אריינגיין אין קראפט היל"ת.

אין אנדערע נייעס האט בעני גאנץ דער הויפט גענעראל פון צה"ל אויפגעטרעטן די וואך מיטוואך ביי א זיצונג פון די 'וועדת שקד', און דערביי שטארק געשטיפט די פרישע גיוס פלענער זאגנדיג אז די מיליטער וויל האבן מער אולטרא ארטדאקסישע אידן צו דינען אין מיליטער, און איז גרייט צו באשטימען דערפאר ספעציעלע ריזיגע פאנדן צו ערמעגליכן דעם ציל.

גאנץ האט די ווערטער געזאגט אין ליכט פון דעם וואס דער שר האוצר, דער באקאנטער שונא הדת יאיר לפיד האט זיך פארשטענדיגט מיט די צה"ל פירער אז עס וועט באשטימט ווערן אלצדינג וואס וועלן זיך אויספעלן צו הייבן די נומערן פון חרדי'שע סאלדאטן אין די רייען פון די מיליטער. די מיליטער וועט אויסצאלן גרויסע געהאלטן פאר די משפחות פון די חרדים וועלכע וועלן דינען אין מיליטער, און וועט באשטימען אפטיילונגען פאר די חרדים. אלעס אבי זיי זאלן זיך אנשליסן אין דעם שמעלץ טאפ.

בעני גאנץ האט זיך באצויגן צו די חרדי'שע זעלנער וועלכע זענען שוין ליידער ארייגעשלעפט געווארן אין די פארגאנגענע יארן, א דאנק די פשרות'דיגע מהלכים וואס האט

קול נטרונא

באַריכטן • אָפּהאַנדלונגען
אַנאַליזן • שיעורים • דרשות

718.873.0055

True Torah Jews Inc.
183 Wilson St. #162
Brooklyn NY 11211

Phone:
718.841.7053
Fax:
718.504.4513
Email:
info@truetorahjews.org

מעמבערשיפ
מיט נטרונא
$360
לשנה

### רצון קדשו של מרן רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה

**... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו... וזה יהיה כח גדול בע"ה.....**

**אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם ? וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלוסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה, ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצה"ב.**

לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר, ובלעדי מעות אינו אפשר לעשות כלום, ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח"ו להטיל עול של סכום גדול על יחידים, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..

(מספר בוצינא קדישא)

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

לײדער דאן דורכגעבראכן דעם חומה המבדלת, און געזאגט: מיר רעדן דא פון פיינע מענטשן, איבעראל וואו זיי זענען אנגעקומען אין די ארמיי האט זיך זייער ארבייט אנגעזען.

ווי געזאגט איז די רייד פון בעני גאנץ דער פשוטער רעזולטאט פון א מהלך וואס איז צום באדויערן אדאפטירט געווארן אין די לעצטע תקופה, די מהלך פון פשרנות, אבער דאס האט געברענגט אז די רשעים זאלן באקומען דעם אפעטיט מיטן עסן און פאדערן נאך און נאך, ואין מי שיאמר למשחית הרף.

### עץ מכם אל יכנס בי ואין אתם מרתתין

אבער ווידער קומען מיר אן צום דעם כלל פון עץ מכם אל יכנס בי ואין אתם מרתתין, אין דעם אגודה'סטישן המבשר טאג צייטונג דעם מיטוואך ווערט באריכטעט אן אפיציעלער סטעיטמענט פון דעם חרדי"שן חבר הכנסת מאיר פרוש איבער די לעצטיגע פלענער פונעם שלטון מגייס צו זיין די בני הישיבות והכוללים.

פרוש ערקלערט אז די שטעלונג פון די פרומע פארטייען איז אז בני הישיבות וואס זענען תורתם אומנתם זענען נישט פארפליכטעט צו דינען אין די מדינה'ס זיכערהייט אפטיילונג, נישט קיין מיליטערישע דינסט און אויך נישט קיין שירות אזרחי. און זיי ווען קעמפן דערפאר אז די חרדישע יוגנטליכע וואס קומען נאך די פארלאנגן פון תורתו אומנתו זאלן נישט מגיוס ווערן אין קיין איינע פון די אפטיילונגען.

אבער שברו בצדו, נאך די שארפע דעקלעראציע לייגט פרוש צו עטליכע ווערטער וועלכע שפיגלן אפ די אינערליכע פארראט וואס ווערט פלאנירט אויפן חשבון פון בחורי ישראל, פרוש זאגט "הממשלה יכולה להציע חוק של שירות אזרחי לאזרחים שתורתם איננה האומנות היחידה שלהם. אבל ברור לכל שכל מי שלומד תורה פטור משירות צבאי ואזרחי גם יחד", אין איינפאכע אידישע איבערטייטש: די ממשלה קען פארשלאגן א געזעץ פון שירות אזרחי פאר די בירגער וואס זענען נישט ממש תורתם אומנתם, אויף זיי קען חל זיין דער פלוכט פון שירות אזרחי. דאס הייסט אין אנדערע ווערטער גיבן די חרדישע פארטייען דעם גרינעם ליכט פאר די ממשלה פארצוזעצן מיט די שווידערליכע גיוס פלענער, טאקע נישט אויף די גרויסע מתמידים בתורה, אבער יא פאר דער איבריגער חלק פון בני הישיבות וועלכע לערנען נישט אזוי פלייסיג.

און אט די פשרה איז נישט פארגעשלאגן געווארן אונטער פארמאכטע טירן אדער געהיימע זיצונגן, דאס ווערט געדעקט און באריכטעט אפיציעל אין דער צייטונג פון די פארטיי, און הויעך אויסגעשמועסט מיט'ן ציבור.

ס'איז שרעקליך צו באטראכטן וואו ווייט עס האלט דער התדרדרות און די מהלכי הפשרות וואס ווערן פראקטעצירט און געליפטערט דורך די וואס דארפן זיין די קעמפער פאר אידישקייט פון אינעווייניג, און וואו מען טרויעט זיך פוגע צו זיין און מחליש זיין דער כח פון יהדות החרדית מיט פשרות און וויתורים לתת חרב בידם פון די עוקרי התורה, צו פאראויס גיין שטאפל נאך שטאפל מיט זייערע פלענער מגייס צו זיין דעם שארית ישראל אין דעם צבא הטמאה.

[במאמר המוסגר איז כדאי אויסצושמועסן, אז די מחליטים וועלכע בחור באקומט די סטאטוס פון "תורתו אומנתו" וועט זיין פירער פון די פארטייען, און חצירות'ער.

איז זעלבסט פארשטענדליך, אז די בני עשירים און בנש"ק'ליך וועט מען אוודאי נישט דערלאזען צו גיין מיט די מיליטערישע מונדערן, ווי אויך פאר די וואס זענען נוצבאר פאר די פארטייען, די סטאטוס פון תורתו אינו אומנתו, וועט בעיקר חל זיין אויף די אידן וואס באלאנגען נישט, אדער עס איז נישט דא קיין ספעציעל ניצען פון זיי, אויף אים וועט מען מקיים זיין.. לכלב תשליכון אותו רח"ל, דאס איז די נייער אפטייטש פון תורתו אומנתו... די תורה איז א געשעפט א ביזנעס ה"י.]

### נטרונא איינגעשפאנט אין העפטיגע אקטיוועטען להעביר את רוע הגזירה

הרשעים כים נגרשו, אבער טאקע דערפאר איז מוסד הק' נטרונא איינגעשפאנט אין די וואכן און טוט פארשטערקערן אירע פעולות אויף אלע פראנטן און אלע הינזיכטן, צו באקעמפן די ביטערע גזירה און פארשרייען די רשעים פון יעדן מעגליכן אספעקט, אולי יחוס אולי ירחם.

דעם פארלאפענעם דינסטאג מיטאג איז אפגעהאלטן געווארן א איינדרוקספולע מארש וואו הונדערטער בני תורה האבן מארשירט איבער די גאסן פון מאנהעטן אין אויסדריק פון מחאה קעגן די מלכות המינות אין אירע פינסטערע גזירות.

נטרונא האט דא ממשיך געווען מיט איר עבודת הקודש וואס האט זיך אנגעהויבן ביי די גרויסע מאסן עצרת'ער דעם פארלאפענעם זומער בהשתתפות רבבות אלפי ישראל אין ניו  יארק און אין בריסל. די געניטע שטאב פון ערפארענע עסקנים האבן אראנזשירט די פילע נויטיגע דעטאלן וואס האבן אויסגעפעלט כלפי די גאס, צו פארזיכערן אז דער מעסעזש ווערט הילכיג דערהערט.

אלע הונדערטער שילדן, פלאקאטן, און צעטלעך וועלכע זענען פרעזענטירט געווארן פאר די פרעסע און פאר די אלגעמיינע גאס זענען רעדאקטירט געווארן דורך די איבערגעגעבענע שטאב מיט א געניטע סדר און קלאסישע אויסשטעל, עס איז אריינגעלייגט געווארן באזונדערע מחשבה יתירה אז די פלאקאטן זאלן מיט קורצע פראזן ארויסגעבן אמערסטנס אונזער וויי געשריי אויף די גאנצע מדינה אין אלגעמיין און בפרט אויף דעם יעצטיגן גזירת הגיוס.

טייל פון די שילדן האבן זיך געליינט ווי פאלגענד, אין אידישע איבערזעצונג "איר האט ערפינדן דעם פראבלעם, דורך גרינדן די מדינה, יעצט הייסט אונז נישט עס פאררעכטן דורך דינען אינעם צה"ל." אנדערע פלאקאטן האבן ארויסגעשריגן "צווינגן אידן זיך אנצושליסן אין די צה"ל דרעפט, איז א דירעקטע אטאקע אויף אונזער פרייהייט פון רעליגיע". באזונדער איז אנגעצייכנט געווארן אומעטום די אדרעסע פון דער נטרונא וועבזייטל, וואו עוברים ושבים און די מידיא זאלן זיך קענען נענטער באקענען מיט די תורה טרייע אידן און אונזערע אנשויאינגען.

נטרונא
True Torah Jews

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

מיט די רעדע אויף די ענגלישע שפראך האט אויפגעטרעטן דער בארימטער שליח מטעם נטרונא, הרב יעקב שפירא שליט"א, וואס האט פאר א לענגערע צייט ערקלערט בטוב טעם ודעת דער ציל פון די פראטעסטן, און אונזער פארלאנג פאר פרייהייט פון רעליגיע אין ארץ ישראל.

הרב שפירא האט אין זיין גלענצנדע רעדע ציטירט א שלל פון אויסדריקן און סטעיטמענטס וואס די פירער און גרינדער פון ציונות האבן געזאגט לגבי די אידישע אמונה און די תורה הק' ער האט קליפ און קלאר אויפגעוויזן אז זייער שטרעבונג איז געווען צו אויסמעקן דעם ארגינעלן איד פון די ארענע און פארמירן דעם אידישן פאלק אין א עם ככל הגוים, דאס איז געווען און דאס איז געבליבן זייער איינציגער ציל.

דערפאר זוכן זיי יעצט אריינצושלעפן די חרדישע אידן אין זייער ארמיי, נישט ווייל זיי נויטיגן זיך אזוי שטארק אין פרישע סאלדאטן, נאר בלויז צו "אויסמענטשלן" און נאציאנאלעזירן דעם חרדי"שן פובליקום צו ווערן אייניג מיט די פרייע באפעלקערונג. דאס באדייט אין אנדערע ווערטער א פולשטענדיגע צוואנג אויף אונזער רעליגיע, און א פארלעצונג אויף אונזער פרייהייט פון מיינונג, און דאס אלעס אין די אזוי גערופענע 'אידישע שטאט'.

די דייטליכע ווערטער פון הרב שפירא האבן טאקע געהאט דעם נויטיגן עפעקט און קלאר באהאנדלט דעם ענין אז אויך דער גוי זאל פארשטיין און דערהערן דער פארברעך וואס ווערט באגאנגען קעגן דאס יהדות החרדית דורך די מושלים הערוצים באה"ק.

אויף די ספעציעלע ליפלעטן וועלכע זענען פארטיילט געווארן אין די שווערע טויזנטער איז געשריבן און רעדאקטירט געווארן דורך די פראפעסיאנאלע נטרונא שטאב מיט א געוואלדיגע געוויכט צו ערווענען בטוב טעם ודעת די אידישע התנגדות צום ציונות בכלליות.

די ליפלעטן האבן ציטירט פון הרב ירמי' קאהן שליט"א לאנגיעריגע וועטעראן עסקן פאר נטרונא, אז די אידישע תורה לאזט נישט אידן אין די היינטיגע צייטן זיינעדיג אין גלות צו קעמפן קעגן אנדערע פעלקער דעריבער איז אזא געזעץ אונז צו אנשליסן אינעם מיליטער א אומבארעכטיגטע שריט אונז צו צוואונגן עובר צו זיין אויף די תורה.

נטרונא ווארפט אויך אפ די ציוניסטישע טענה אז "יעדער דארף אייניג אפהיטן אויף דעם באדן" ארייגערעכנט די חרדים. אבער דער אמת איז גענוי דאס פארקערטע, אידן וואוינען שוין אין ארץ ישראל פאר הונדערטער יארן, און אז די ציונסטישע מושלים האבן פארכאפט די רעגירונג און אנגעזייט פראבלעמען מיט די ארומיגע שכנים, איז עס זייער פראבלעים, עס געהערט אינגאנצן נישט מיט ערליכע אידן וועלכע האבן מיט זיי קיין שייכות.

בחסדי ה' האבן די אלע געוואונטשענע פעולות דערגרייכט א שיינע הצלחה, דער גרויסער פרסום בהשכל ובדעת האט געצויגן אינטערעסע פון מערערע נייעס אגענטורן און אויך פריוואטע קאמענטארער אויף די אלע סאשול מידיע אפטיילונגען.

די ריזיגע מידיא נעצן יאהו און רויטערס , דשורעסעלם פאוסט האבן געוויסט צו באריכטן פון דעם מארש און נאך א טוץ פון פארצווייגטע סאושל מידיא מעסעדשינג גרופעס, וועלכע פארמאגן צענדליגער טויזנטער נאכפאלגער האבן אויך געשריבן איבער די פארזאמלונג און טאקע צוגעלייגט קלארע רייד אז ארטאדאקסישע אידן זענען מוחה קעגן דעם דרעפט געזעץ וואס מען וויל ארויפצווינגן אויף תורה טרייע אידן אין איזראעל.

און געוויס האט נישט געפעלט קיין חירופין וגידופין פון דער ציוניסטישער לאגער וועלכע האט נישט געקענט צוקוקען אזא גרויסע הצלחה. א פאפולערער אזוי גערופענע רעליגיעזע נייעס וועבזייטל, איז היינט אינדערפרי ערשינען מיט א לענגערן ארטיקל אונטערן קעפל "און אפענער בריוו צו די "טרו-טארע – דשוס" וואו ער שילדערט זיין אנטוישונג פון די מחאות און טרעפליכע הסברה וואס ווערט פארשפרייט און אנגעפירט דורך "טרו טארע דשאס". דער מציאות פון פארשפרייטען קלארע הסברה אקעגן די טומאת הציונית מיט אלע אירע לבושים איז א ערנסטע קלאפ פאר די ציוניסטישע אינטערעסן און אלס אזוי פרובירן זיי צו מינוזירן איר שטייגנדע איינפלוס.

די פעולות לטובה פון נטרונא זעצט ווירקליך ווייטער פאר מיט ווייטערדיגע פלענער און דעטאלן וואס ווערן אויסגעארבעט און אראנזשירט מיט די פאסיגע מיטלען להעביר את רוע הגזירה, ובשם ה' נעשה ונצליח.




**דער הויפט טאוועל וועלכע האט באצירט דעם אויבן אן, און געגעבן דעם מעסעדש פאר די פרעסע**

# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטורנא" סיסטעם

# וואס איז די אויפטוה פון די מחאות?

שטייענדיג אין א צייט ווען ס'הערט זיך דער קול מלחמה במחנה אין שאטן פון די שרעקליכע גזירות הגיוס וועלכע לויערט אויף די קעפ פון אידן אין ארצינו הק' און דאס יהדות החרדית איז עוסק איז דער עצת אבינו הזקן רביה"ק מסאטמאר זי"ע פון מקיים זיין ריכטיג די מצות מחאה לעיני העמים והשרים איז מעגליך א זמן גרמא צו ערוועגען עטליכע נקודות וואס ווערן דוסקיסירט צווישן מענטשן און עס פאדערט זיך דערביי א געוויסע בהירות דברים.

דער ענין פון מחאות איז אין לויף פון אלע יארן געווען דער תכסיס מלחמה וואס האט געניצט צו באקעמפן די רשעי ארץ און זייערע גזירות וועלכע זיי האבן פרובירט צו גוזר זיין מזמן לזמן.

עס הערט זיך אסאך שמועסן, מיט אויסריידען - וואס טוט אויף מחאות? וואס גייט אָן פאר ביבי און זיין מרכבה הטמיאה וואס אידעל'עך אין אמעריקא פארפירען? מה בצע ארויסצוגיין מיט א ויצעקו דאהי אדער אין ארץ ישראל?

איז וויכטיג צו באטאנען עטליכע מערקווירדיגע נקודות וואס ווארפן א ליכט אויף די דאזיגע טעמע:

צוערשט איז וויכטיג צו געדענקן אז קיין שום ציוויליזירטע לאנד זוכט נישט אז עס זאל אויסברעכן אומרוען צווישן אירע בירגער און פארבינדעטע. א 'ברידער קריג' איז די קאשמאר פאר יעדע רעגירונג און א זארג וואס מען זוכט צו באווארענען אויף יעדן פאל.

ווען דער גאנצער יהדות החרדית וואלט אויסגעפאלגט עצת אבינו הזקן רביה"ק מסאטמאר זי"ע אנצופירן שטורמישע פראטעסטן, סיי דארט אין ארץ ישראל, און נאכמער אויף פון דאהי אין חוץ לארץ, איז קיין ספק נישט אז דאס וואלט געקענט ברענגען א טויש אין די באציאונג פון די הארטנעקיגע עוקרי תורה אין די מדינת ישראל רעגירונג, ווייל ווי געזאגט זענען זיי אויך נישט פאראינטערסירט אין א שארפע אזוי גערופענע "מלחמת אחים".

דער ענין פון מחאות און ריזיגע פראטעסטן איז דעריבער איבערהויפט נישט א זאך וואס האט שוין אויסגעדינט און אפגעלאפן. מיר טוען בייגעוואוינען אין די לעצטע צייטן, ווי להבדיל ביי גוי'אישע לענדער און פעלקער ווייסט מען גוט דער געוואלדיגער געווער וואס ליגט אין מחאות און דער גרויסער כח פון פראטעסטן, אין מערערע לענדער האט די פראטעסטען אונטערגעברענגט רעגירונגען, געשטירצט אירע פירער און געטוישט די גאנצע מאפע פון די ראיאן און דאס אלעס איז געפירט געווארן פון איינפאכע סאושל מידיא מעסעדשינג גרופעס. איז אוודאי ק"ו בן בנו של ק"ו אז ריזיגע פרידליכע דעמאנסטראציעס איז עכ"פ בכח אפצושרייען רעגירונגס באשליסן און טוישן זייער מהלך, וגזירה עבידא דבטלי'.

אבער אין אונזער פאל, קעגן די מדינת ישראל רעגירונג, טוען די פראטעסטן ווירקן מיט א ערנסטע שטאפל העכער, און דאס איז צוליב דעם פאקט אז זי רופט זיך – פארשטייט זיך שלא ביושר - "מדינת ישראל".

סוף כל סוף און נאך אלעם, רופט זיך די מלכות המינות ליידער מיטן נאמען, מדינת ישראל, אדער אויף ענגליש, די דשאויש סטעיט. דער ראש הכופרים ביבי נתני' איז מקפיד יעדעס מאל ווען ער טרעט אויף ביי די יו-ען אדער אויף די אמעריקאנער מידיא צו באצייכענען זיין לענדעל אלס "די דשאויש סטעיט". עד היום איז די איינציגע לעגיטימאציע וואס די ציונים פארמאגן אויף ארץ ישראל וויבאלד ס'איז מכלומרש'ט די אידישע לאנד. דעס היסטארישע לאנד פון אידן, פון פאר צוויי טויזענט יאר צוריק, און אזוי ארום זענען בלויז זיי די אפטרופסים אויף אידן אומעטום, און דאס ברענגט זיי אוצרות מיט געלט און קשרים פון אידישע אינטערסן פון איבער די גאנצע וועלט.

דער פאקט אז ס'קומען זיך צוזאם מאסן ארטאדאקסישע אידן און שרייען אויס פאר די וועלט אז מדינת ישראל איז אייגנטליך בכלל נישט "די דשאויש סטעיט". פארקערט גאר, ערליכע אידן ווערן דייקא דארט גע'רודפ'ט מיט גזירות קשות אקעגן די אידישע דת, און מיר זענען אינגאנצן נישט אינטערסירט אין זייער עקסיסטענץ. אט דער מציאות איז פאקטאר פון וואס די רשעים שרעקן זיך.

ס'איז נישט קיין ספק דערינען אז אזעלכע ריזיגע הפגנות גיט אן ערנסטן פליק פאר די טומאת הציונות אין אלגעמיין און אפילו בפשטות, עס איז נישט גוט פאר די מדינה'ס פוסליסיטי. עס איז זייער נישט גוט פאר זייער פובליק רילעשענס. און עס קען קלאר צוברענגען גרויס דרוק אויף די פירער פון די מדינה זיך צו ברעכן צו אונזערע פארלאנגען, אויך ווען עס פאסט זיי נישט דאס מודה צו זיין אבער אונטער דער באוואוסטזיין איז דא דער פחד פון ריזיגע דעמאנסטראציעס דורך אידן קעגן די אידישע מדינה.

אן אינטערסאנטע עובדא פלעגט דערציילן הרה"ח רבי אברהם ראטה ז"ל וואס איז געווען

True Torah Jews

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

מיט בריסקער רב ז"ל בשעת די ראדיא האט בימים ההם פראקלאמירט אז בן גריון ימ"ש האט באשטעטיגט די גזירה נוראה פון גיוס בנות. דער בריסקער רב האט דאן אנגעווענדעט אלערליי שתדלנות צו פועל'ן אז די גזירה זאל אפגעשטיפט ווערן.

ר' אברהם האט דאן זיך געוואונדערט און געפרעגט דעם בריסקער רב וואס איז דען די תועלת פון די אלע פעולות די גזירה איז דאך כתוב וחתום, און ס'קוקט אויס א שאד פאר די צייט און פלאג.

האט בריסקער רב אויף דעם רעאגירט קורץ און שארף: קודם דארפן מיר זען עס צו אפשטיפן ווי ווייטער מעגליך... און כך הוה גענוי ווי דער בריסקער רב האט געזאגט, מיט די הילף פון די פעולות נמרצות און מחאות וואס איז געטוהן געווארן אין ארץ ישראל און אין אמעריקע, שטיפט זיך נאך די גזירה עד היום הזה, כאטש ס'איז א באשטעטיגטער געזעץ אויף די ביכער..

דאס זעלבע קען געזאגט ווערן אויף די יעצטיגע גזירה פון גיוס. דער פאקט האט באוויזן אז די באשטימטע קאמיסיעס וועלכע באפאסן זיך מיט די גזירה שטיפן שוין א לענגערע ווייל און שלעפן ארום מיט די צייט.

עס געדענקט זיך פאראיאר זומער ווען עס האט געהייסן אז אט אט וועט די גזירה נגזר ווערן, אבער בעזר השם איז עס נאך נישט באשטעטיגט געווארן יעצט מיט עטליכע חדשים שפעטער. דאס איז באשיינפערליך אדאנק דער לחץ זו הדחק וואס זיי שפירן פונעם יהדות החרדית וואס איז לוחם דערקעגן, ווי מער זיי שפירען די פילווער אין די לופטען פארכטן זיי מער און זיי ווייסען נישט וואס צו ערווארטען אויב דער געזעץ גייט דורך.

בלויז די וואך איז באקאנט געווארן אז 1200 בחורים וואס האבן באקומען א באפעל זיך צו שטעלן צום מיליטער זענען אפגעשטיפט געווארן מיט עטליכע חדשים אן קיין שום געהעריגע אדער פארשטענדליכע סיבה, עס איז זייער מעגליך און מסתבר אז די רשעים זוכן זיך נישט קיין פרישע צרות און זענען גוט באזארגט אויף די רעאקציע פון דאס יהדות החרדית בארץ ובגולה.

אודאי דארפן מיר נאך אסאך רחמי שמים וועגען די גזירה, ומי יודע מה יולד יום?!, מען קען געוויס נישט פאראויסזאגען וואס דא וועט זיך אויסלאזן, ירחם ה', אבער ס'איז וויכטיג צו געדענקן אז אויך אויב די רשעים זענען אנטשלאסן צו דורכפירן זייערע מזימות רשע איז נאך אלס דא דער כח פון מסירות נפש וואס קען עס שטופן און שטופן עד רדתה.

דאס אלעס איז פראקטיש גערעדט, אבער געוויס איז דאך ביי מחאות דא דער גרויסער הויכער ענין פון מילין לצד עילאה ימלל און המתקת הדינים, ווי רביה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט נאכזאגן פון ספה"ק נועם אלימלך און ווי דער רבי שרייבט עס אין די מכתבי קודש מערערע מאל.

ס'איז זיכער אז ישמח לב מבקשי השם, א יעדער ערליכער איד דארף זיך פרייען ווען עס קומט אונטער די געלעגנהייט זיך אנצונעמען פארן כבוד ה' ותורתו הק' מיט א מחאה אקעגן די משנאי ה', די מלכות המינות וואס איז אזוי שטארק מכעיס דעם רבוש"ע רח"ל מיט יעדע מינוט פון זייער קיום און זענען מחלל שם שמים מסוף העולם ועד סופו.

דער מצות מחאה דאס אונזער גרעסטע עצה און סגולה אראפצונעמען דעם חרון אף ה' און מקדש זיין דעם שם שמים המחולל מסוף העולם ועד סופו.







טייל פון די פלאקאטן וואס האבן געגעבן די מעסעדש פונעם מחאה. זעהט אונטן ווי די ביישויער ווערן דירעקטירט צו אונזער וועב-זייטל